STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03867

HEMSHEKH

P. Cybulski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. ציבולסקי

המשך

פ. ציבולסקי

המשך

פאַרלאַג: ייִדיש בוך וואַרשע
1964

P. CYBULSKI

KONTYNUACJA

רעד. ד. ספארד
Red. D. SFARD

Okładkę projektował: R. CHWOLES
הילע פראיעקטירט. ר. כוואַלעס

Printed in Poland

Wydawnictwo „IDISZ BUCH” Warszawa, Nowogrodzka 5

Ark. druk. 6, ark. wyd. 4. Papier druk. sat. III kl., 61×86, 90 g
Nr zam. 132. Nakł. 2500 egz. Druk. ukończono w kwietniu 1964 r.
Druk RSW „PRASA”, Warszawa, ul. Tarczyńska 8.

באַמערקטע דרוק־פּעלערן

זייט	35	שורה	3	אַנשטאַט	וואַכנדיקן, דאַרף זיין וואַכעדיקן
„	37	„	5	„	אַן אייזערנע רייף, דאַרף זיין ווי אַן אייזערנע רייף.
„	40	„	5	„	און צעקרישלטן ברוק, דאַרף זיין אין צעקרישלטן ברוק.
„	83	„	5	—	אַן איבעריקע שורה.
„	91	„	10	„	פראַוורטיילטע, דאַרף זיין פאַראורטיילטע.

פארקוילטע טאטע=מאַמע,
שוועסטער=ברידער — אַ מצבה.
געראטעוועטע פרוי אין טאָכטער —
א מתנה.

ווערטער

ווו זאָל איך אייך זוכן,
ווערטער מיינע,
פֿאַרבאָרגענע אינעם וואָכעדיקן געווימל
ווי געוויקסן אונטער מאָכיקע שטיינער.
ס׳בלוטיקן די הענט
פֿון גראָבן אין פֿאַרשיטע ברונעמער
און כ׳קאָן אַלץ נישט דערגיין
צו דער פֿאַרטיליקטער מאַמעס־שפּראַך,
וואָס זוכט אַ דערלייזונג
אין אָטעם פֿון יעדן וואָרט.

1939

שטייסט נאָך אַלץ אַזוי,
פאַרטראַכטער טאַטע,
אויפן פאַרנאַכטיקן שייד־וועג
צווישן פאַלנדיקע וועלטן
און פרעגסט אינעם שאָטן־שיין
פון פאַרהויכטן וואָקזאַל
דיין משטיינסגעזאָגט קלוגן זון:
— ס'וועט זיין אַ מלחמה?
— ניין, ס'וועלן פעלקער דערשטיקן
דאָס בייז אין די וויקעלעך —
און קושנדיק אויף גיך
דיין פאַרזאָרגט פּנים
און תהילים־אויגן
איז דער זון אַנטלאָפן
אויף אייביק
מיטן וואַרגנדיקן ענטפער
אין דער קעל.

אין מאַידאַנעק

בלעכענע שיסלען
באַדעקט מיט קרעציקן זשאַווער —
עדות פון דערנידערונג
פון מענטשלעכן מין —
וואָס מאָנט איר ביי מיר
מיט אייער אייטערדיקן דנאָ?
איז דען אַ פאַרגיטיקונג
אַז ס׳ווארגט מיך יעדער טראָפּן
געשעפּט פון פרידלעכע טעלער?
און צי וועט איר געפינען דען אַ תיקון
ווען כ׳וועל אין אַלע געבעטס־הייזער
אַראָפּרייסן די דערנער־קרענץ
און צעהענגען אייערע בלעכענע אָרעאָלן
ווי שאַנד־צייכנס
איבער די קעפּ פון הייליקע,
וואָס האָבן פאַרשוויגן
אייער פאַרכריפּעט געשריי?

שפּעטע רויז

דיין קרומער בליק איז געענוג,
דו זאָלסט מיט אייז־שפּיזן
פאַרפרירן די שפּעטע רויז,
וואָס האָט אויפגעבליט
אויפן אַש פון מיינע יאָרן.
איין פליטערל שיין
פון דיינע שימערדיקע וויעס
געניגט זי זאָל ווערן א פלאַם,
וואָס באַלויכט
מיין שפּעטן וועג
צום אונטערגעהאַקטן שטאַם.

אַ שטריך צום פּאָרטרעט פון מיין מאַמען

אויפן שטערן,
ווו דער טאַטע האָט געטראָגן דעם של־ראש
ווי א שטענגל טרויבן,
האָסטו, מאַמע, געהאַט אַ שראַם —
א שלאַנגיקער בים —
פון אַ שטיין,
וואָס ס'האָבן אין דיר געוואָרפן גאָטגלויביקע:
פאַר קרייציקן דעם אויסלייזער,
פאַר האָבן אַ קראָם —
דיין פענצטער אין הימל —
מיט געלאַטעטע פאַר זעקלעך האָבער
און בינטלעך פארזשאַווערטן היי —
פאַר דיינע מאַנדל־אויגן
געגנבעטע פון דער הייליקער משפחה.
און כאָטש אַ קינד נאָך
ביסטו שוין געווען באַמאַנט
און גאָטספאָרכטיק געבוירן טעכטער און זין,
דאָט מען נאָך צווייטויזנט יאָר
געפונען דעם אָן־זינד,
ער זאָל וואַרפן דעם שטיין,

וואָס זייער אויסלייזער האָט אָפּגעווענדעט
פון דער בלאָנדער, זינדיקער מרים.

כ׳זע דיין שראַם אויפן שטערן
אינעם רויך פון טרעבלינקער אויוון,
צעצינדן דורך טרעגער פון שלאַנגיקע קרייצן,
ווי דו גייסט אויף דורכן קוימען
צו דיין פאַרקלאַפּט פענצטער אין הימל.

ר ו י ז ן

אַנטקעגן די פֿענצטער פֿון דיין פֿאַריתומטער שטוב
פֿאַרקויפֿט מען ווידער רויזן —
קנאָספּן באַהויכטע מיט פֿאַרטאָגיקן טוי —
ווי ס׳וואָלט גאָרנישט נישט געשען,
ווי ס׳וואָלט דיין בלאָנדער קאָפּ
ווייטער געבלאַנקט אין די שויבן
און דיינע צעפּ —
דערוואָרגענע צוויי פֿייגל —
וואָלטן נישט געלעגן אונטער דער פֿאַרוויינטער גאַבלאָטע־שויב
אין מאַידאַנעק.
אין פֿירעק פֿון דער בלומען־וויטרינע
איך שטיי א פֿאַרקלעמטער
און זוך געלעמט אַ וועג
צווישן די פֿרעכע רויזן
אין דיין בלינד־פֿאַרלאָשן פֿענצטער.

דער אָנהויב פון דער ווייסל

דאָס ביסטו?
אַ זילבערן קוועלעכל,
פאַרפּלאָנטערט צווישן שטאַמען,
צוגעטוליעט צום באַרג,
ווי אַ דערשראָקן קינד
צום קלייד פון דער מאַמען?
און איך האָב געמיינט,
אַז דו ביסט אַ ריז,
געפּענטעט אין אייזערנע בריקן
פאַרקלאַמערט אין שטאָלענע ברעגעס —
נייג איך מיך טיף
פאַר דיין פליסטערדיקער תפילה בלחש.

באַכס קאָנצערטן

ס׳קלאַפּן פּייגל מיט די שנאָבלען
אין די שטענגעלעך פון שטייגן —
לאָזט אַרויס!
אין געראַנגל מיטן זיין
הייבן מענטשן די צעבראָכענע גופים —
מיר שטייען!
אין געאַמפּער פון אַקאָרדן
לויכט אויף דער זינגענדיקער קלאַנג,
וואָס פירט דעם מענטש
ווי א ווייסער שטעקן א בלינדן
און לאָזט אים נישט פאַלן
אין פּאָליפאָנישן געפּלאָנטער
פון הויך און נידער.

אַ בליענדיקער קאַקטוס

דאָס פאַרשאָלטענע געוויקס,
דער מגושמדיקער קאַקטוס,
וואָס שטייט אַ צעקרימטער
אויף מיין צעלויכטן פענצטער,
האָט זיך ווי אַ יאָגע
אַריינגעשלאָגן די שטעכעלעך
אין האַריקן לייב
און בלוטיקט מיט בונטע מאָן־בלומען
מען זאָל אים שענקען א בליק
און פאַרגעבן זיין שלאַנגיקע גרינקייט.
צעגליט פונעם מאָן־שיין
פאַרלעש איך לייטזעליק דאָס פענצטער
און לאָז פלאַמען דעם קאַקטוס
אויפן מזבח פון זיינע דערנערדיקע ריפּן,
ווי אַ באַוויליקטן קרבן.

שלאָף

אויף די שפּיצן פינגער
שלייכט אַריין זיך צו מיר
דער פאַרטאָג.
נעמט אראָפּ די ראָם פונעם פענצטער,
געקרייציקט אויף דער וואַנט,
קאָלערט אַוועק
דעם פינצטערן שטיין
פון מיין צוקאָפּנס
און פירט מיך ציטערדיק
אויף אַ לייטער,
געוועבט פון פערלדיקע נעפּלען
און געהיט פון די זייטן
דורך שאַרפן פון בלאַנקענדיקע שווערדן —
שלאָף איך ענדלעך איין.

##ביימער אין האַרבסט

אין האַרבסטיקן נאָכאַלעמען
שטייען ביימער
מיט אויסגעקרימטע צווייגן —
בעטלדיקע בעל-מומים —
און אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע,
מיט אַשיקע נעפּלען
אין די קרוינען
יאָמערן זיי —
פאַרוואָס איז דאָס אונדז געקומען?

פ אַ ר וו אָ ס

פאַר אַנקען

דאָס האָסט דו דאָך אויפגעקליבן
קניענדיק אויף דער זינדיקער ערד
די קרישקעלעך גלאָז
פון די אויסגעהאַקטע שויבן.
דאָס האָסטו דאָך צונויפגעשאַרט
די שפּענדעלעך
פון אונדזער אונטערגעגאַנגענער טיטאַניק־שיף
און געשפּאָלטן מיטן צויבער־שטעקעלע
פון דיין האָפנונג
דעם שוואַרצן ים פון פאַרצווייפלונג —
איז פאַרוואָס ווענדסטו אָפּ דעם קאָפּ
פון די רייפנדיקע רויזן,
ווען אַפילו זייערע שטעכעלעך
בריען נאָך דיינע מילדע פינגער?

וואָס איז לעבן

איך דראָ דער קו
מיט די פויסטן,
זי זאָל אויפהערן קלינגען
מיטן גלאָק אויפן האַלדז,
ווען אירע פיס זענען פאַרקנעכטיקט
אין אייזערנע קייטן.
און זי קוקט אויף מיר פאַרעקשנט
און שאָקלט מיטן גויד־ער —
צי ווייסטו דען וואָס ס'איז לעבן?

אויפבלי

און אַז דו וועסט
טויזנט מאָל זאָגן ניין:
— כ׳וועל נישט קוקן מער צום בוים
צעווייגט אין פרילינג־ווינט —
וועט עס דיר עפּעס העלפן?
אַז פייגל קרייזן אין כישוף־רינגען
אַרום זיין קרוין און בעטן אים —
וועק זיך, וועק זיך אויף
פון הבל־הבלימדיקן שווייגן
און ער נייגט זיך פאַרטראַכט —
נאָכאַמאָל בליען, נאָכאַמאָל באַצירן די וועלט —
צי וועסטו אַליין נאָך
נישט אויפהייבן דיין גראָען קאָפּ
צו דער אויפגעוואכטער קרוין
און נישט שטוינען פאַר איר אויפבלי?

צ יי ט

ווּיקלען זיך וואָכן און טעג אַרום דיר
ווי גרוי, צעפּאַטלט שפּינוועבס.
גייען די שעהן אַרום אַרום דיר,
ווי הונגעריקע מייז אַרום אַ ביסן —
און דו קריצסט מיט די ציין —
און דו שרייסט —
כ׳בין שוין נאָענט צו דרייסיק.
לייגן די יאָרן זיך אויס הינטער דיר
ווי גרויסע, גרויע קיזל־שטיינער —
א יאָר — אַ שטיין, אַ שטיין — אַ יאָר
ביז ס׳וואַקסט אויס
פון די יאָרן,
דער שטיינערנער באַרג פון דיין לעבן.

וואַרשע 1927

כראָניק

פאַרשרייב אין דיין פנקס,
דודל ראַבינאָוויטש,
אַז דעם צוויי און צוואַנציקסטן מאַי
טויזנט נײַנהונדערט צוויי און זעכציק —
בײַ ייִדן כ״ז איר תשכ״ב —
האָט טעמידע,
די מבֿוזה־געוואָרענע געטין פון גערעכטיקייט,
וואָס דו קענסט זי פון דער געשיכטע פון אַלטערטום —
געלערנט אין דער דאָרפישער שול אין באָרזענטין —
אַרויסגעגעבן אין ירושלים
אַ טויט־ווערדיקט
אויפן הענקער פון דײַנע זעקס מיליאָן ברידער.
נאָכן אויפהענגען האָט מען אים פאַרברענט
און זײַן אַש צעווייעט אויפן אָפענעם ים.
מאַך אַן איבעררייס אינעם פנקס, דודל,
און אויפן ראַנד פונעם שול־העפטל
מאָל אויס וועלף אין מונדירן פון דייטשישע זשאַנדאַרן,
וואָס ווילן פאַרצוקן טעמידעס געביין.
דער פאַרהאָרעוועטער טאַטע וועט דיך דערפאַר —
נישט אָפּשמייסן;
און די גאָלדענע מאַמע וועט גלעטן דײַן כשר קעפל.

פּיאַנאָ־איבונג

וואָס שלאָגסטו מיך מיט אַקאָרדן,
ווי מיט פויסטן אין די שלייפן,
וואָס פאַרוואַרפסטו מיר פּאַסאַזשן
ווי שטריק אַרום האַלדז?
אין געראַנגל מיט ווערטער
כ׳בין נישט מינער ווי דו אומבאַהאָלפן
און אין מיין אָרעמען אוצר
כ׳האָב אַפילו נישט
קיין נאָטן־שטעקעלע
פאַר אַן אָנלען.

⁂

צאי לך בעקבי הצאן.
(שיר השירים)

ווי ביסטו דערגאַנגען
אין די טריט פון די שאָף —
צום לויטערן קוואַל,
צום רואיקן שלאָף?
צו גלויבסטו אין פּאַסטעך
און אין עלטסטן פון רינדער,
אַז דער שטויביקער וועג
פירט נישט צום שינדער?
ווייל איז דיר, ווייל — —
ווייל איך הייב נאָך דעם קאָפּ
איבער דער כוואַליע
און זוך אַליין דעם שטעג
פאַר דיר און פאַר אַלע.

וואָרענונג

איך וואָרן אייך,
פאַרשוועגדערישע ביימער אין דילן גרינ,
איר זאָלט צוימען אייערע צעברויזטע בליטן
און נישט בלענ־ן די אויגן
אין וואַקכאַנאַלישער שיכרות.
צו פאַרגעסט איר אַלץ נאָך,
אינעם לייכטזין פון בליען
די געפאַלנקייט פון וועלקן?
איז ווער וועט אייך שפּעטער טרייסטן
אין אייער אָפּגעזעגנקטן גלויבן?

מיינע לידער

אַזוי זענען מיינע לידער —
קווער־געריסענע שטיקער לייוונט —
נישט צונויפגעצוהעפטן פריידיקע פענער,
נישט צונויפצושטעפּן ציכטיקע טישטעכער.
צעריסן זענען זיי,
פאַרבונדענע אויף שטעקנס
מיט פאַרסאַפּעטע ווערטער,
ווי טויבן אין אַ פרעמדן טויבנשלאַק.
און אַז ס'שיינט אַ ברעקל הימל
אויף זייערע פליגל
איז עס מיין מזל —
דער טויבנשלאַק שטייט נישט אונטער דער ערד.

האַרבסט

פאַרזאָרגטע קראָען זיצן
ווי אלמנות
צוקאָפּנס פון וועלקנדיקן פעלד
און ציטערן פאַר יעדן שאָרך פון ווינט,
וואָס איילט מיט פולע פאָלעס שניי
צוצודעקן דאָס פאַרשרומפּענע פּנים
פון דער ערד
און פאַרלעשן די לעצטע קערנדלעך —
טליענדיקע פונקען
פון די זומערדיקע יוווענאַליען.

חשבון

עס פֿרעגן ביי מיר מיינע הענט:
האָט עס געהאַט דען אַ זין,
אַז ווען די וועלט האָט געברענט
האָסטו ציגל צו נייע בנינים געטראָגן?
עס פֿרעגט ביי מיר מיין אומרואיק בלוט:
איז ריכטיק געווען אַזוי,
אַז ווען סם איז געפֿלאָסן —
האָסטו פֿון דיינע געפֿעסן קיין בלוט־טראָפּן געגעבן
און מיט זוניקן ליים און מיט קאַלך
געשפּינען גאָר נייע געוועבן?
עס שרייט צו מיר מיין האַרץ
און קלאַפּט אין מיין איינגן געוויסן —
פֿאַרוואָרף דיר די הענט אויפֿן האַלדז
און דערוואַרג זיך מיטן בלוט ווי מיט אַ לעצטן ביסן!
מענטשן האָפֿערדיקע! אַנטלייט מיר מוט
צו שטילן דאָס האַרץ, צו באַרואיקן ס׳בלוט
צו באַפֿרייען פֿון נאַקן די פֿאַרשעמטע הענט,
וואָס האָבן בנינים געשטעלט ווען די וועלט האָט געברענט.

וראָצלאַוו, 1947

ירושה

דאָס קלימעקל מיט שמות —
די ירושה פון דורות —
וואָס כ׳האָב אַריינגעוואָרפן
אין די קעלערן פון זכרון
און פאַרבונדן מיט דעם שטריק
פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
האָט זיך אויפגעבונדן
פון בייזן ווינט
און צעלאָפן
ווי נישט־דערשאָכטענע טויבן.

אַ געבעט

האָב רחמנות, פּויקן־מייסטער,
הייב נישט די שיכורע טאַצן
איבער די פידלען,
פאַרוויגטע אויף אַקסלען.
דערבאַרם זיך,
לאָז נישט די טאַצן אַראָפּפאַלן ווי רויב־פייגל
אויף זייערע פאַרציטערטע סטרונעס.
מעק אויס זייער געפילדער,
פאַרלעש זייער צעצינדענעם מעש —
מדברדיקע זונען —
און לאָז אויפגיין דעם טליענדיקן ניגון —
פונקען אין אַש —
אונטער די פינגער פון פידלער,
פאַרהאָרכטע אין לאַרגאָ־געבעט!

פּלאַסטיק

יידן,
געבוּיגענע איבער פּלאַסטיק־מאַשינען
ווי איבער צאַרטע קינדער־וויגן,
כּישופן אויס
פון שוואַרצע פילגאָרנדיקע צילינדערס
פיגורן פון שטוב־חיות:
שעפעלעך מיט אויגן תמימותדיקע
ווי ביי למדוואָוניקעס,
פייגל צעזונגענע,
וואָס האָבן אין נח'ס תיבה
אַ גרין בלעטל געבראַכט נאָכן מבול,
העזעלעך מיט צעטייעטער שרעק אין די אויגן
געראַטעוועטע פון יעגערס אַכזריותדיקער ביקס,
ווי זיי אַליין,
און הינט —
נישט די, וואָס האָבן אין לאַגערס העלדזער געוואָרגן,
נאָר די, וואָס האָבן אין לבנה־נעכט
זילבערנע סעדער געהיט.
די שעפעלעך, די פייגל און די העזעלעך
מאַכן אַ ראָד אַרום זיי
און די הינט לייגן זיך אויס געטריי
ביי זייערע פאַרמאַטערטע פיס.

קוסטן

קוסטן צעגליטע
אין גרינעם גלי —
פונוואַנען האָט איר זיך אַנטפּלעקט
אין מאָרגן־פרי,
פון וועלכע אָפּגרונטן פאַרבאָרגענע,
פון וועלכע אוצרות געהיימע?
ווען אַ מענטש זאָל זיך קאָנען
אַזוי אַנטפּלעקן
און אויפבליען פונסניי!

☆ ☆
☆

פאַר אלישבען

כ׳האָב מיך אָנגעכאַפּט,
קינד מיינס,
אינעם שטראַל פון דיין שמייכל,
ווי אַ פאַלנדיקער אַקראָבאַט
אין די שטריק פונעם טראַפּעז,
צעווינגט צווישן הימל און ערד.
און איך ווייס שוין,
אַז ווען כ׳וועל אַפילו
אַראָפּקייקלען זיך
פון די לעצטע שטאַפּלען פון לעבן,
וועל איך אין די פאַרשטאַרטע דלאָניעס
האַלטן פאַרקלעמט
די שפּליטערלעך שיין
פון דיין שמייכל.

אַ ליד

ווען דו שטרעקסט די האַנט
אין חלל פון דער נאַכט
נאָכן וואָכנדיקן בלייער
און קלאַמערסט זיך אין אים
ווי אַ בלינדער אינעם שטעקן
צו גיין אין חשכות פון דיין געמיט
און צעבינדן די קנויל פון ווערטער
פאַרקניפּט אין דיין פאַרטריקנטער קעל —
ביסטו ווי אַ דורשטיקער אין דער מדבר,
וואָס לעכצט נאָך אַ שלונג,
ווי משה מיט דער צעגליטער קויל
אויף דער צונג —
און דאָס איז דער ערשטער ציטער פון אַ ליד,
זיין וואַרגנדיקער אָנהויב.

ק אָ נ ג אָ

ס'האָבן מיך אַרומגערינגלט
הונגעריקע נעגער-קינדער,
מיט אויפגעפּלוישטע בייכלעך,
ווי שוואַרצע בלאָז-זעק.
אויגן — שטומע מעסערס
געצילט אין לאַבנס ברויט,
געהיטע פון אַן אכזר
מיט אַ באַמבוס-שטעקן אין ׳ער האַנט.
צעפּלאַטשטע נעזעלעך —
כליפּענדיקע שטיקלעך בראָנז —
און ליפּן געשוואָלענע פון שטומען געוויין.
אַ קללה דער וועלט
וואָס דערפירט, אַז נעגער-קינדער —
פּאַטריטשיעס און גלאָריעס —
נעמען איבער ווי אַ שטאַפעטן-פּאַקל
דעם שטומען האַס
פון משהלעך און לאהלעך
פאַרהונגערטע אין געטאָס,
פאַרברענטע אין מאַידאַנעקס.

פֿאַרוואַנדלונג

וועז כ׳בין שוין געווען זייער באַטריבט
צוליב די ביימער וואָס פֿאַרגייען
אין האַרבסטיקן זשאַווער
און דער אומעט האָט גענומען דריקן
אַן אייזערנע רייף אַרום האַרץ,
האָב איך זיי פֿלוצלונג ד׳ערזען —
די קינדער פֿון אדם און חוה —
פֿאַראַנקערט אין זיך
אונטער דעם אָרעאָל פֿון אַ בוים
ווי זיי דערציילן זיך —
מיט גליאיקע אויגן און גיריקע ליפּן —
דעם אייביקן סוד פֿונעם לעבן.
און זשאַווער האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין גאָלד.

ממעמקים

מ'האָט מיר געזאָגט,
אַז ס'פליסט אַ טייכל אין דער געגנט
לויטער, ווי די זילבערנע עטרה
אויפן גראָען קאָפּ פון מיין טאַטן.
בין איך אויסגעגאַנגען אַלע טאָלן
און געגאַרט עס זען,
נאָר דעם טאַטנס אויסגעברענטע אויגן,
געהילטע אין דער פאַרקוילטער עטרה,
אויסקלאָגנדיק דעם ממעמקים —
האָבן מיר דאָס טייכל פאַרנעפּלט.

מאַסנעטס עלעגיע

דאָס בלאָנד־צעפּיקע מיידל
פון איבער דער וואַנט
גראָבט טיפער און טיפער
מיט צעפלאַקערטע פינגער
אין דער קלאַוויאַטור —
ווייסע מעוועס מיט שוואַרצע העלדזלעך —
און קאָן נישט דערגרונטעווען
דעם טויטן־ים פון מאַסנעטס עלעגיע.
וועל איך וואַרטן
ביז דער בלאָנדער צאָפּ וועט זיך פאַרזילבערן
און די צאַנקענדיקע פינגער
וועלן אויסציטערן די עלעגיע
אויפן צווייטן ברעג פון לעבן.

NATURE MORTE

אַן איינגעהויקערטע גאַז=לאַמטער
אויפן קרייץ=וועג פון צוויי חרובדיקע געסלעך —
פּטאַשיע און זשימנע —
שלאָגט מיטן באַקרוינטן קאָפּ פון צעבראָכענעם גלאָז
און צעקרישלטן ברוק.
אַ יאָמערדיקער ווינט רייסט איר צעשאָסן לייב
און שיילט די זשאַווער=גרינע הויט,
ווי די קאָרע פון אַ צעדונערטן בוים.
זי איז אַליין אויפן קרייץ=וועג
פון צוויי חרובדיקע געסלעך,
ווי אַ מאַמע איבער פּוסטע צוויי וויגן
און פאַרענטפערט זיך מיט יעדן בוק צו דער ערד:
וואָס בין איך שולדיק, אַז כ'בין דאָ!

☆ ☆
☆

פון פאַרטאָגיקן בלוי,
איז אָנגעפלויגן —
פייל פון בויגן —
אַ פויגל,
מיט טראָפּנס טוי אויף די פליגל
און אויסגעטרילט פאַרזאָרגט
אויפן שוועל פונעם פענצטער
די רעשטלעך ווינטערדיקע בענקעניש.
אויפן ציטערדיקן קלאַנג —
ביסט נאָך דאָ —
האָט אַ פאָכע געטאָן אַ האַנט —
כ׳בין דאָ —
און אויסגעשאָטן אַ גאָרשטש
גינגאָלדענע גרויפּן.

צווייטער סעאַנס

דער דאָקטאָר,
ווי אַ פּראָווינץ־קלאָון,
טוט אָן —
הינטערן פּאַראַוואַן פון מיינע פּלייצעס —
די מאַסקע פון אַ טרייסטער.
און מיר ווילט זיך נאָכאַמאָל זינגען:
„ראָדל, ראָדל ראַנע,
שטייט די שיינע פּאַנע" —
און פאַרבלייבן אויף נאָך אַ לעבן,
ווי אויף אַ צווייטן סעאַנס
פון אַ סודותדיקן פילם.

עפּיטאַפיע

צום אָנדענק פון יעקב זאַנשיין

די לידער דיינע
געהעמעטע אין רויען שטיין —
דערוואָרגענע ווי־געשרייען
פון אַ שטאַמלדיקן מאָנער —
האָבן קוים געעפנט
דיין פאַרקנוילטע קעל,
און אין וואָגל
צום וואָרט
ביסטו — באָרוועסער עולה־רגלניק —
פרי דערגאַנגען צום אָפּגרונט
פון אייביקן שווייגן.

גלויבן

ס׳איז גוט דיר,
וואָס פילסט
דעם אָטעם פון גראָז
פון אונטערן שניי.
וואָס זעסט —
בעת סדומדיקע שלאַקס־רעגנס —
די שײַנענדיקע רײַף פון רעגנבויגנס.
וואָס הערסט —
אין צײַטן פון ווינד און וויי —
טריט פון דער פריי.
צוגענאָגלט צו דער ראַם פונעם הײַנט
בעט איך פאַר דער האַפטיקייט
פון דײַן גלויבן
און שאַרפקייט פון אַלע דײַנע חושים.

ראָזשינקעס

אין דעם צעיוירענעם טייג
פון דער צייט
האָט מען אַריינגעשטופּט
מיט אַן אומגעלומפּערטן פינגער
ראָזשינקעס — זוניקע טעג.
ביז וואַנען מען דערגראָבט זיך צו זיי
הייבן אָן ציטערן די הענט
און מ׳לאָזט זיי איבער
פאַר די קומענדיקע.

בויען

מען לייגט אַ ציגל אויף אַ ציגל
ווי איין ליבלעכע האַנט
אויף דער פלאַך פון אַ צווייטער,
געאייניקט אין חברישן פּאַרטרויען,
באַהאָפטן אין פריידן פון בויען.
דער רוים, איינגעפּאַסט אין פּירעק פון ווענט —
אַן איידעלער שטיין —
איז אַן אויסשניט פון שיין
געשליפן אין חלל פון דער וועלט
דורך שלייפער
מיט צעזילבערטע קעלניעס אין די הענט.
מיט בראשית־רו פון באַשאַפענעם
און שטילסטער שטילקייט
אָטעמט דער שטח געראַמט אין ציגל־ראָז,
ווי ברידערלעך־געפלאָכטענע הענט
איבערן מאָרגן־געצעלט.

☆ ☆
☆

דער טאָכטער פון מיין ברודער
יוסטינע ציבולסקאַ־קופּערשמידט —
געווידמעט

עפן אויף, ליובעניו, דיין האַנט
ווי אַ נישט־דערוואַרגטע טויב
איר צעבראָכענעם פליגל.
ריגל אויף דעם קנאָכן־שלאָס —
אַ טירל פון ארון־קודש —
און ווייז דער פאַרגעסנדיקער וועלט
דעם סימן פון מבול —
דאָס געפלעכט פון אָדערן
מיט אויסגעבריענטע ציפערן.
אַנטפּלעק איר די נעסט פון מיינע ליפּן,
וואָס קאָנען נישט אויסקושן די אימה
און אויסגלעטן דאָס צעריסענע געוועב
פון דיין וויסטן האַנט־ווינקל
און זאָל זי דערגרייכן דיין קללה
און וואַרפן אין שטויב צו דיינע פיס.

וואַן-גאָגס בריוטרעגער

אַ גוט-מאָרגן דיר האַרציקער,
אין בלויקייט געהילטער בשורות-טרעגער,
מיט דער פיין-צעקעמטער באָרד —
צווייַ פּאַווע-פליגל —
וואָס רוען אויף דיין פּנים
אין שלוה און פריידן
גלגול פון מיין זיידן.
אַ יישר-כּוח דיר
פאַר די ליבעס-בריוועלעך
וואָס האָסט אונדז געטראָגן
דורך ווייאָרסטן און מיילן —
די מיט בונטע בלימעלעך באַצירטע
און הערצעלעך דורכגעשאָסענע פון פיילן.
פאַר בשורות גוטע
וואָס האָסט אונדז אָנגעזאָגט,
פאַר צעלויכטן שלאָפלאָזע נעכט
מיט פרייד פון פאַרטאָג.
נישט דיין שולד,
וואָס אין פינצטערע צייטן
האָסטו וויי- און ווינד-בשורות
געגעבן צו וויסן,

און דיין קאָלירט היטל
איז באַשיט מיט אַש
און דער בלאַנקענדיקער מונדיר
האָט קריעה־ריסן.
אַ טרייסט דיר,
פאַרחושכטער בריוו־ברענגער
פון צרות און ליידן —
גלגול פון מיין זיידן.

בלעטערפאַל

זי האָט זיך דערוואַרט
די פאַרהאָרוועטע ערד
פאַרן געבן די זאַפטן
פון שטאַם ביז שפּיצן פוןביימער —
זי זאָל רוען באַקרוינט
מיט לאָרבער־קרענץ
פון דין־געוועבטע בלעטער
אין ביזאַנטישן גאָלד.
שאַ, שורשעט נישט
מיט די באַגילדעטע שיך.
לאָזט די ערד זיך סודען
מיטן בלעטער־פאַל —
קינדער צוריקגעקומענע פון דער ווייט
צו דער מאַמעס שויס.

☆ ☆
☆

פורמאַן, שטיי, האַלט איין די פערד,
נישט פאָר אַריין דאָ אין דער גאַס!
ס'האָט די זון זיך דאָ געשטעלט
אין מיטן הימל
און באַשיינט מיר יעדעס ווינקל
און באַגילדט מיר יעדן שטיין.
נישט שלעפּ זיך אום דאָ מיט די שאָטנס
נישט צעברעקל מיר די זון!
פירסט אַ וואָגן געלן זאַמד
און אַ רידעל אויפן וואָגן —
ווילסט די זון מיר דאָ באַגראָבן?
פורמאַן, שטיי, האַלט איין די פערד,
נישט פאָר אַריין דאָ אין דער גאַס!

וואַרשע, 1923.

סך־הכל

שוין צייט צו מאַכן דעם סך־הכל,
אונטערצוציען די לעצטע שורה
אויפֿן קוווער־געווירטן בלאַט
פֿון ספֿר־החיים.
טויכן אָבער אויף נעבן מיר
מיינע ציטערדיקע טאַטע־מאַמע,
שטרענגע משגיחים —
מלמדים מיט פֿאַרביסענע בערד,
לערער מיט ליטווישע קאַפּעלושלעך,
און קוקן מיר אויף די פֿינגער,
כ׳זאָל קיין טעות נישט מאַכן אין חשבון
זיי ווילן ס׳זאָל אויסקומען,
אַז דאָס געזוכטע איז געלעגן
אויף דער פֿלאַך פֿון דער האַנט
און איבעריק איז געווען
דאָס קריכן אויף קרומע וועגן
און קלעטערן אויף שפּיצן פֿון בערג.
גיב איך אַ פּאָכע מיט די וויעס
און לאָז אַרויסקאָלערן פֿון חשבון
די נולן — פֿאַרזשאַווערטע רייפֿן —
און איינגעקלאַמערט אין די ווירעס
פֿון ספֿר־החיים
באַהאַלט איך מיך אויף נאָך אַ ביסל
אונטער דער לעצטער שורה פֿון סך־הכל.

* * *

צו וואָס לייטערסטו דעם זאַמד
דורך אַ זיפּ, ווי אַ בלעכערנע פישער־נעץ?
צי גלויבסטו, אַז דאָס,
וואָס האָסט נישט געקאָנט אָפּשיידן —
אמת פון ליגן,
חניפה פון אויפריכטיקייט —
וועסטו אָפּטיילן איצט,
ווי שטיינער פון זאַמד,
שטייענדיק געבויגן איבער דער בלעכערנער זיפּ
ווי איבערן ריבאייזן פון דיין האַרב לעבן?

יונגע לבנה

זי איז קוים אַ רויכל
אויפן הימל,
אַ בלייכער וואַסער־פלעק —
די יונגע לבנה
אויפן פריען פאַרנאַכטיקן בלוי —
קרייד־שטריכן צו אַ פּראָיעקט
פון דמשק־שטאָל.
זי איז נאָך נישט קיין קרייז —
אַן עמבריאָן פון אַ שלאָס,
וואָס מען וועט אויפהענגען
ביינאַכט אויף דער וועלט
מען זאָל זי חלילה נישט אַוועקגנבענען.

☆ ☆
☆

און איר האָט געמיינט,
אַז אַזוי זיך צוליב גאָרנישט
ליגט די ערד אַ פאַרמאַטערטע
אין שפּעט־האַרבסטיקע טעג
ביים ראַנד פון וועג —
דאָס וואַרט זי פאַרהאָרכט
אויף דער ווייסקייט פון שניי,
וואָס וועט זי
בסוד פאַר דער וועלט
גרייטן פונסניי
צום אייביקן אַקט פון יצירה.

מורא

אַזוי שיין
איז נאָר די זון
בעתן פֿאַרנאַכטיקן פֿאַרגיין,
די צעבליטע בלום
געבויגן איבערן האַרבסטיקן פֿליין.
האָב איך מורא פֿאַר דיין רייפֿקייט,
פֿאַרן צייטיקן ברויזן פֿון בליטן
ס'זאָל אינעם טאַנץ
צווישן בלאַנקע שווערדן
דיין פֿרייד נישט ווערן פֿאַרשניטן.

☆ ☆
☆

אײדער דו װעסט אָנטועז
דעם קטיגור־קיטל
און מיטן פֿאַרשפּיצטן פֿינגער
אינעם רויט־געראַמטן אַרבל
אויפֿשטעכן דעם פֿרעמדן בלאָטער
און שעלטן דאָס קרום־געטאָענע —
גײ אַראָפּ אין די טיפֿענישן
פֿון אײגענעם ברונעם,
שעפּ קלאָרע װאַסערן
געלײטערטע פֿון זאַמדן
און פּרוּװ פֿאַרלעשן צומערשט
די בראַנד פֿון אײגענע באַגערן
מיט שטראָמען פֿון דײַן פּראָסטיקן שׂכל.

פאַרטאָג

פאַמעלעך טריפט אַריין
די פאַרטאָגיקע שיין
אין געדיכטן געטראַנק
פון דער נאַכט.
די גלעזערנע לבנה —
אַ דנאָ פון אַ כוס —
צעשווימט אין דער העלקייט
פון אויפגייענדיקן טאָג
און וועט אויפטויכן
ווי אַ קאָפּ פון אַ שווימער
צו באַקרוינען
דעם פאַרנאַכטיקן בלוי.

ביז דער שניי פון פאַרגעסן
וועט נישט צודעקן די מידע ערד,
וועלן מיר אַלץ זיין אַ שאָד
די אָפּגעגנאַרטע בלעטער,
פאַרגלויבטע אין דער אייביקייט פון זומער,
וואָס וואַלגערן זיך אַרום פאַרשוועכטע
צופוסנס פון ביימער.

פאַרשאָלטענע ווערטער

העל וועבן זיך טענער
און העפטן זיך אין אַ לויטער געזאַנג,
מילדע לייגן זיך פאַרבן אויף דער פּאַלעטע,
ווי רעגנבויגנס,
אין אַ ליכטיק בילד.
פאַרשאָלטן זענען נאָר די ווערטער,
געשעפּטע פון טיפע ברונעמער,
וואָס ווילן זיך נישט האַלדזן,
ווילן זיך נישט פלעכטן אין אַ קייט,
וואָס זאָל דערלייזן
פון שווערסטער לאַסט.

אַ שטיין

אַ שטיין,
פאַלנדיק פון הויכן באַרג
האָט אַ לויכט געטאָן —
ווי אַ פלעמל אין ווינט —
מיטן ביטערן אמת פון געפאַלענע.
און מיר האָט פּלוצים פאַרפעלט אָטעם
צו קלעטערן באַרג אַרויף,
בין איך מיט צאַנקענדיקע טריט
צוזאַמען מיטן שטיין
אַראָפּ אין טאָל — צום לעבן.

* *
*

אַרכיטעקטן, בויער פון הייזער
אין וואַרשעווער געטאָ —
ווי קינדערישע שמייכלען נאָכן וויינען —
לאָזט איבער דעם ברוק
פון צעבראָקלטע שטיינער.
זאָלן זיי כאָטש דערמאָנען
אינם קלאַנג פון די גאסן
מיט אַלטע נעמען,
ווי שערבעלעך אראָפגעפאַלענע
פון מתימס אויגן.

אין די בערג

פאַר מיין טאָכטער

גיי מיט מיר, טעכטערל,
טריט ביי טריט
אין ריטם פון מיין אָטעם
אין טאַקט פון מיין בלוט.

לויף נישט פאָרויס
אויף דיינע הירשן־פיס
צום שפּיץ פונעם באַרג,
צום שלאָפנדיקן ריז.

העלף מיר טראָגן
מיין געירשנטן רוקזאַק
דורך טאָלן און הייכן,
און מיר וועלן געאייניקט
אין בלוי פון פאַרטאָגן
די הימלען דערגרייכן.

אין אַ טריבן אָוונט

הייזער, ווי נאַסע מייז
אין פינצטערע קעלערס,
קרימען זיך אויף אַספאַלט־ברוקן,
געיאָגט דורך שפּאַלערן פון גאַסן.
לאַמטערן־פלאַמען ווי שפּאָטישע צינגער
העצן פון אַלע זייטן.
איז ווו א טיר און ווו א טויער
אינעם קעלער־לאַבירינט
פון טריבן טאָג?

* *
*

ס׳איז געווען אין די צייטן
פון גרויס רחמים,
ווען מענטשן האָבן געטראָגן
באַרמהאַרציקייט אין דלאָניעס,
ווי קי פולע אייטערס מילך,
און ס׳האָט אויסגעפעלט טיכער
אָפּצווווישן די טרערן
פון פאַראַשטע פּנימער —
איז אין אַ זייט געשטאַנען
דעם תלינס כנופיה און געוואַרט
ביז די טרערן וועלן אַראָפּפאַלן
ווי צייטיקע פּרוכטן
פון די דערלייזטע
און זיי וועלן דאָס אויפהויבן
ווי זילבער־שטיק —
שכר פאַר מאָרגנדיקן פאַרראַט.

וואַלד

די האָלין־העקער
נאַקעטע ביזן גאַרטל —
העקערס פון אַלטע געמעלן —
פארברענען די אָפגעשינדענע קאָרע
פון לאָמע ביימער,
און דער דערשראָקענער וואַלד
קאָן נישט איינשטילן די יאָמערדיקע צווייגן
און פארדעקן די קעפּ
פון אונטערגעהאקטע שטאמען
פאַרשטאַרטע אין שטומען געשריי.

צײַטיקער זומער

װי עפּל פֿון בױם,
פֿאַלן אַראָפּ די לעצטע טעג
פֿון צײַטיקן זומער
אין צוגעגרײטן קױש פֿון האַרבסט.
זײ װעלן איבערליגן
צוגעדעקט מיטן בלעטער־פֿאַל
אין װײַן־קעלער פֿון דער צײַט
ביז מען װעט זײ אױספּוצן
מיט קריסטאָלענעם שנײ
און אױפֿהענגען װי לאַמפּיאָנען
צו באַשײַנען די איבעראַיאָריקע שׂמחה.

* * *

די קרוג פול מיט פריינדשאַפט
ווי ליפּעץ=מעד —
וואָס מיר האָבן געטראָגן זאַלבענאנד
דורך פייער און בראַנד
און געציטערט איבער יעדן טראָפּן —
איז געשטרויכלט געוואָרן
אין אַ שפּיציק שטיינדל,
וואָס רכילותניקעס האָבן אונטערגעלייגט
אונטער אונדזערע טריט
און אירע שערבעלעך ליגן פאַרשעמטע
אויפן שייד=וועג,
וואָס וועט אונדז שוין צוזאמען
אין ערגעץ נישט ־ערפירן.

גע̈פּל

אַ גאַנצע נאַכט
האָט מען אויסגעשניטן
מיטן סערפּ פון דער לבנה
ביימער און קוסטן
און אויסגעשטעלט זיי
אין נעפּלדיקן פאַרטאָג,
ווי קינדישע אויסשניטן
אין ערשטן קלאַס.
און די וועלט
מוז זיך נאָכאמאָל לערנען
אלף-בית
פונעם פאַרמעקטן עלעמענטאַר.

באַהעלטעניש

דער פֿלויט אַרום גאָרטן
מיט די קוואַר־צעשטעלטע שטענגעלעך,
ווי פֿאַרבראָכענע מאָמענטן,
היט מיך פֿאַר די בייזע אויגן פֿון וועג,
וואָס הויערט אינדרויסן ווי אַ הונט
און קאָן זיך נישט דערוואַרטן
צו פֿירן מיך צום לעצטן אָרט.
דער וועג אָטעמט מיט שטויב:
— ער האָט זיך שוין ווידער באַהאַלטן
אין שאָטן פֿוןביימער,
ווי שמשון־הגיבור צווישן די זיילן.
נאָר מען וועט אים נעמען,
מען וועט אים זיכער נעמען
און פֿירן
צו די לעצטע פֿיר איילן. —

* * *

די הימלען זענען נישט אויסגערינען,
די זונען נישט פֿאַרראָסטעט געוואָרן
אין די לערע הייכן,
ווי שטיינער אין פֿאַרלאָזטע מילן
און די ערד וועבט שוין נייע הויטן
ארום די אָפענע ווונדן.
נאָר דו, מענטש —
עדות פון אומגערעכטן —
קאָנסט דיין ריס נישט פֿאַרבינדן
כאָטש ס'גאַרט דער היינט
צו פארגעסן אין נעכטן.

* * *

צוליב דער מורא פֿאַרן אומקום
האָבן פֿאַרמשפּטע בלעטער
געפּרוווט זיך באַהאַלטן
אונטער פֿרעמדע קאָלירן
ווי מענטשן אונטער פֿאַלשע נעמען
און אָנגעטאָן דעם אָפּגעזעגנטן זשאַוועו
אויפֿן רוקן,
מיט איינגעשרימפּענע פּנימער
און שלומפּערדיקע צויטן,
געקלאַמערט זיך תּחנונימדיק
אין די צווייגן.
האָט עס זיי עפּעס געהאָלפֿן?
פֿאַרחושכטע האָט מען זיי אַראָפּגעריסן
מיט רוגזה פֿון די הייכן
און געוואָרפֿן אין כּף־הקלע
פֿון דער האַרבסטיקער,
קריעה־געריסענער ערד.

אין אַ פרעמדער שטוב

די גנאָדיקע בלויקייט פון מזרח־הימלען,
וואָס הילט איין דיינע אַקסלען, מאַדאָננע,
די זיסקייט פון דיין מאַמעשער ברוסט,
גענויגט צו דעם גיריקן מויל פונעם זויגלינג,
ווי אַ זאַפטיקע פרוכט,
און דיין אַנטפלעקנדיקער זשעסט —
אָט איז ער, **Ecce homo**
וועלן נישט פאַרענטפערן די טענה
פון צוויי יידישע שענק,
וואָס שטייען דערשראָקענע נעבן דיר, ווי אנוסים,
און פרעגן מיט טירן מאַטע פון געוויין:
טויזנטיעריקע שכנטע, פאַרוואָס איז דאָס אונדז געקומען?
נישט פאַרלעשן וועסטו, מאַדאָננע,
דעם עקבערדיקן בליק
פון דער ספרים־שאַנק אנטקעגן דיר,
וואָס מאָנט מיט געשליפענע שויבן —
שטרענגע אויגן פון א חריף —
מאי קא משמע לן דיין מילדע בלויקייט?
און נישט שטילן וועסטו
דעם צאָרן פון סדר־טיש,
וואָס גייט אויף דיר
מיט די שטולן ביי די זייטן — —
און פאַרחושכט וועט ווערן דיין בלויקייט
און גערינען די מילך אין דיין רויזיקער ברוסט.

אַ גאָרטן

ווי שיינקייטן אין לעצטן טאַנץ
פון אַ קאָסטיומען־באַל
שטייט דער גאָרטן
אין די שפּעט־זומער־יקע פאַרבן.
אין די פּערלדיקע פּארטאַגן
אין די גראַנאַט־אָוונטן,
מעסט מען אים שוין נעפּלען,
ווי אלמנה־שלייערס,
און מען ווייסט,
אַז ער וועט זיכער שטאַרבן.

אין דרוקערײַ

דערהויבענע אויף שטולן,
ווי אויף באַלעמערס,
זיצן זעצערס און זוכן
מיט ריזלדיקע שפּיצן־פינגער
אין טיפענישן פון קאַשטעס
דאָס פֿײַערדיקע אות
פון צעלויכטענער פּשטות.
דער לינאָטיפּ שטרעקט אויס
זײַן זשיראַפֿן־קאָפּ,
קוקט אויף די צעיאָגטע פינגער
פרעגנדיק:
— בחור הזעצער,
ווי לאַנג וועסטו נאָך זוכן?
דער אות איז דאָ,
אין מײַנע זודיקע אינגעווײדן,
נעם אים און שרײַ אויס —
Eureka!

אַ שמועס מיט אַ יוגנט־פריינד

מיר׳ן סיי ווי נישט אויסלערן
ביזן לעצטן שטויבעלע
דעם מאָכיקן זאַק פון די יאָרן,
נאָכוואָס נישטערן
מיט בלינדע הענט ביזן דנאָ
און זוכן דעם חלום פאַרפלאָנטערט
אין די נייטן פון נעכטן.
די שטיינער, וואָס כ׳האָב אריינגעוואָרפן
אין דיין גאָרטן און דו אין מיינעם,
וועלן מיר שוין נישט אויפקלייבן.
זאָלן זיי פאַרבלייבן ווי פאַלשע מיילן־וויזערס
אויף וועגן אין ערגעצנישט.

סוף־זומערדיקער פּייזאַזש

איבערגעבויגן איבערן טאָל
צווישן צוויי בערג
שטייט דער זומער פאַרטראַכט
איבער דעם אייגענעם גורל
און זעט ווי בייזע הענט
שלעפּן אַראָפּ
די גרינע טישטעכער פון פעלדער,
ווי פון שמחותדיקע טישן.
און אויף דעם וואָכעדיקן פעלד
לערנען זיך שוין גיין ווייסע גענדז —
פאַרזאָגערינס פון ווינטער —
וואָס פּאָכן עקשנותדיק מיט די פליגלען
און רוימען אויף די קרישקעלעך שיין
פון דער גרינער שמחה.

אַ הינטל

שוין,
גענוג אָפּגעוויטערט אַרום דער בודע,
ברוין, וועלפּיש הינטל.
די קייט אָנגעשפּאַנט פון דיין אמפערניש,
ווי אַ בויגן,
האָט זיך נישט צעריסן
און דיין הוילער געביל
האָט הערצער נישט גערירט.
פּאַר אַ שיסל געקעכץ
האָסטו יאושדיק אַראָפּגעלאָזט דעם עק
און קריכסט שוין אַליין אַריין —
מיט דיין שיין געשניצטן קאָפּ פאָרויס —
אין דעם פינצטערן לאָך פון דיין פּאַלאַץ.
דיין איינציקע טרייסט —
ביסט אפשר מער ווי אַ הינטל?

* * *

כ׳וועל סוף כל סוף פאַרמויערן
אַלע איינגענג צו זיך,
אויפהייבן אַלע בריקן,
אויסמעקן אַלע וועגן
און אויף דער שוועל
פון טויבן הויז
אַוועקשטעלן אויף דער וואַך
אַן עלעקטראָנישע צייל=מאַשין,
וואָס וועט מיט שרעגנגעם ציפערן
שיצן מיך פאַר ווערטער —
כאַקצילן פון אומרו.

אָפּשייד

פאַר טראַטשן

ווּהין טוסטו גיין
מיטן קלימעקל פון קאָלירטע צויטן
און שלימפּערס פון פאַרלייקנטע גלויבנס?
ווי אַ קינד דורך אַ טייך
מוזסטו טראָגן אויף אַקסלען
דעם לעצטן פונק,
וואָס דאַרף דערפירן צו אַ האַפן
דיין צעבראָכן האַרץ,
ווי אַ געלעכערטע שיף.

* * *

ווי אַ הונט —
געטראָפן פון אַ שטיין דורך גאַסניונגען
באַהאַלטענע אין פינצטערע מויער־ווינקלען —
הינק איך דורך דעם פאַרגאַפטן שניי
אויף די גאַסן
און פאַרזיגל מיט בלוטיקע חתימות
דעם גזר־דין פון רענטגענאָלאָגן —
מיטאַלטערלעכע ריטער פאַרשטעלטע מיט מאַסקעס
אין פינצטערע קאַבינעטן —
און ביל מיין וויסט בילעריי.

☆ ☆ ☆

כ׳וועל אַלע פייגל
צונויפרופן צו דיין פענצטער,
די קלאָונען פון אַלע צירקן
אַוועקשטעלן פאַר דיין טיר,
זיי זאָלן דיך לערנען
זינגען און לאַכן פונסניי
און איינשטילן דאָס געוויין
פון געשענדעטע ציפערן
אויסגעברענטע אויף דיין האַנט.

* * *

פונדערווייטנס שיינט אַרויס
דורך דער צווייגן־נעץ
דער סוף פון דיין סטעזשקע —
אַ קינד מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך. —
אַק ינד מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך. —
װעסט דערגיין צו איר
אין פאַרנאַכטיקער בלויקייט
ווי צום באַגערטן ציל.
און אַז איר המשך
איז שטיינערדיקער אָפּגרונט
שרעקט עס דיך?

אומרועז

דוד ספּאַרדן

נו, וואָס, יידן
לאָמיר אַריינגעמען די בערד אין די דלאָניעס,
ווי דערשראָקענע פייגל אין די נעסטן,
און צעוויגטע, ווי אומרועז,
דערטראַכטן דאָס נישט דערטראַכטע.
ענג איז פון פאַרשרפּעטע מתים
ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק.
פון די אָפּגעזענקטע פּאָלעס העגגען צויטן,
ווי צווייגן פון ווערבעס אין האַרבסט,
און דער ליץ מיטן פאַרבלוטיקטן מיצל
אויפן דולן קאָפּ
הויכט אויף דער לעצטער מטבע,
אַרויסגענומען פון ליידיקן טייסטער.
אונדזערע זוימען אַרויסגעשפּראָצטע
אויפן פאַרקוילטן בוים
גערייען אונטער נייע זונען
און האַלטן אין איין פרעגן:
ביז וואַנען וועט איר טרינקען
פון אַלטן ברונעם
און זיצן פאַרקלאָגטע ביי טייכן
פון אייגענע טרערן?
איז לאָמיר זיך ווערן,
אומרועז צעוויגטע,
און דערטראַכטן דאָס נישט־דערטראַכטע.

*   *
*

ס׳װערט אַלץ חושכדיקער
צופּוסנס פֿון ביימער
צוליב די אָפּגעזענקטע בלעטער —
פֿאַרשרומפּענע פּאַפּירוסן
אין אַרכעאָלאָגישן מוזיי —
און די קרוינען װיגן זיך קלאָגעדיק
איבערן אָפּענעם קבר
פֿון פֿאַרלענדטער פּראַכט —
ביז דער מוזיי־קוסטאָר
פֿון דער ערד
װעט נישט אויסשפּרייטן
דעם שניי־װייסן טעפּיך
איבער דער גאַבלאָטע פֿון עבר
און אױפֿקשטעלן אויף דער װאַך
פֿאַרהויכטע שאָטנס פֿון ביימער.

נעצן

אויף ביינאַכט
נעם איך צונויף די נעצן,
וואָס כ׳האָב אויפגעשטעלט פאַרטאָג
צו פאַנגען עפּעס פון לעבן.
זענען יעדע נאַכט
די אויגן פון די נעצן
אַלץ גרעסער פון שטוינען,
וואָס בלויז דער באַגער פון זוכן
איז גענוג אויפצושטעלן נעצן,
כאָטש דאָס גאָלד־ענע פישל
און דער פילפאַרביקער פויגל
פאַלן אין זיי אַריין
ערשט ביינאַכט
אין געלעכערטן שלאָף.

די נעסט

די נעסט,
וואָס האָסט צונויפגעקלעפּט
מיט ציטערדיקע פינגער
פון די שפּענדעלעך
איבערגעבליבענע פון דיין הויז
מיטן שטאָלענעם דאַך
צעוואָרפן בעתן לעצטן שטורעם,
איז אַ מקום־מקלט,
וואָס שיצט נישט דעם רוצח
נאָר דעם קרבן
אַנטרינען פאַר דער בלאַנקענדיקער שאַרף
פונעם אויסגעשטרעקטן חלף.

דער סוד פון פרייד

ניין, זי איז נאָך נישט געקומען צו מיר
די צעשמייכלטע מוזע
מיט דער רויזיקער ברוסט
און אויפגעהויבענע וויעס —
אַנטפּלעקנדיק דעם סוד פון פרייד.
ס'איז נאָך אַלץ ביי מיר דאָ איר מאַמע
וואָס נעמט צונויף
די אָפּגעסמאַליעטע צויטן אויף דער פאַרקוילטער ברוסט.
אירע פּיס באַדעקן ברוין־בלויע גליווער־פלעקן
פון באָרוועס שטיין אין פראָסטיקע נעכט
אויף אַליארם־פּלעצער — ערדישע גיהנומס.
אירע הענט — עלעקטראָדן,
געלאָדן מיט עלעקטרישן שטראָם
פון די דראָטן־נעצן.
איר קאָפּ — געהילט אין טיכער,
געוועבטע פון פאַרצווייפלונג און וואַנזין —
איז פונוואַנען זאָל איך קענען
דעם סוד פון פרייד?

ווען ס׳וועט קומען צו מיר די יונגע,
וועל איך זי פאַרגליווערן מיטן קינה־ליד
פון איר מאַמען,
און זי וועט פאַרדעקן איר ברוסט
מיטן שאָטן פון אַראָפּפאַלנדיקע וויעס,
ווי ליילעכער איבער פאַרלאָשענע שפּיגלען
אין מתים־שטובן.
און דער סוד פון פרייד
וועט בלייבן פאַרהוילן.

* *
*

האַלט אייך,
שטאַרקט אייך,
לעצטע בלעטער אויף שפּיצן פון ביימער —
מאַסטן פון זינקענדיקע שיפן.
כ׳וועל זיך מיען פאַר אייך
ווייל ס׳וואָלט די וועלט זיך דערקייקלט
צום אָפּגרונט
אויב ס׳זאָלן אייך דערוואַרגן ווינטן —
ווילדע חיות אַרויסגעלאָזטע פון ברענענדיקע צירקן.

אַ דאָקטאָרין

— אָטעם נישט —
זאָגט זי צו מיר
און פֿאַרוויקלט אין פּלאָנטער פֿון רערלעך
גראָבט זי זיך איין
מיטן זילבערנעם וואָרעם פֿון סטעטאָסקאָפּ
אין געשטעל פֿון די ריפּן.
קוקן מיר זיך ביידע אין די אויגן,
אָן אָטעם פֿאַרהאָרכט
אינעם קלאַפּן פֿון די הערצער,
ווי פֿראַאורטיילטע.
בלויז איר בלאָנדער לאָק אויפֿן שטערן
איז ווי אַ ווייזער צום לעבן.

נישט־דערשראָקענע

דער קודלאַטער הונט
אַרויסגעלאָפֿן פֿון אַ וויסטן חלום
יאָגט זיך מיט אימפּעט
נאָך די צעטאַנצטע פֿייגל —
קרישקעלעך ליכט —
און געטריבן מיט דער בייטש
פֿון אייגענעם עק
גראָבט ער מיט דער נאָסער נאָז
אין דער ערד,
גלויבנדיק, אַז די פֿייגל
האָבן זיך דערשראָקענע
דאָרט פֿאַרבאַהאַלטן.

ה מ ש ך

צו דעם זיידענעם געוועב,
וואָס מיר וועבן שוין יאָרן־לאַנג
אויף דער גערשנטער וועב־שטול,
פּרוּוו איך קוים צוצושפּינען
אַ דינינקן פאָדעם,
וואָס איך וויל אים האָבן
צו פאַרבינדן דעם נאָפּל
פון אַ ניי־געבוירענעם יורש.

אינהאַלט:

	זייט
וועלטער	7
1939	8
אין מאַידאַנעק	9
שפּעטע רויז	10
אַ שטריך צום פּאָרטרעט פֿון מיין מאַמען	11
רויזן	13
דער אָנהויב פֿון דער ווייסל	14
באַך'ס קאָנצערטן	15
אַ בליענדיקער קאַקטוס	16
שלאָף	17
ביימער אין האַרבסט	18
פֿאַרוואָס?	19
וואָס איז לעבן	20
אויפֿבלי	21
צייט	22
בראָניק	23
פּיאַנאָ = איבונג	24
(וו ביסטו דערגאַנגען)	25
וואָרענונג	26
מיינע לידער	27
האַרבסט	28
חשבון	29
ירושה	30
אַ געבעט	31
פּלאַסטיק	32
קוסטן	33
(כ'האָב מיך אָנגעכאַפּט)	34
אַ ליד	35
קאָנגאָ	36
פֿאַרוואַנדלונג	37
ממעמקים	38
נאַסנעטס עלעגיע	39
Nature morte	40
(פֿון פּאַרטאָגיקן בלוי)	41
צווייטער סעאַנס	42
עפּיטאַפֿיע	43
גלויבן	44
ראָזשינקעס	45
בויען	46
(עפֿן אויף ליובעניו)	47
וואַן=גאָגס ברוו=טרעגער	48
בלעטערפֿאַל	50
(פֿורמאַן שטיי)	51

סוף הכל 52
(צו וואס ליטערסטו דעם זאמד) 53
יונגע לבנה 54
(און איר האט געמיינט) 55
מורא 56
(אוודער דו וועסט אנטוען) 57
פארטאג 58
(ביז דער שניי פון פארגעסן) 59
פארשאלטענע ווערטער 60
א שטיין 61
(ארכיטעקטן, בויער פון הייזער) 62
אין די בערג 63
אין א טריבן אווגוסט 64
(ס'איז געוועזן אין די צייטן) 65
וואלד 66
צייטיקער זומער 67
(די קרוג פול מיט פריינדשאפט) 68
נעפל 69
באהעלטעניש 70
(די הימלען זענען נישט אויסגערינען) 71
(צוליב דער מורא פארן אומקום) 72
אין א פרעמדער שטוב 73
א גארטן 74
אין דרוקעריי 75
א שמועס מיט א יוגנט־פריינט 76
סוף זומערדיקער פייזאזש 77
א הינטל 78
(כ'וועל סוף כל סוף פארמויערן) 79
אפשייד 80
(ווי א הונט) 81
(כ'וועל אלע פייגל) 82
(פונדערווייטנס שיינט ארויס) 83
אומרוען 84
(ס'ווערט אלץ חושכדיקער) 85
נעצן 86
די נעסט 87
דער סוד פון פרייד 88
האלט איך, שטארקט איך 90
א דאקטארין 91
נישט דערשראקענע 92
המשך 93